**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2023/11/17 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט דאס פארענדיגונג פון וואסערפראנט טרעיל און פאוויליאן ביי סאודזשורנער טראט סטעיט פארק**

***ניו יארק סטעיט'ס נייסטע סטעיט פארק געווידעמעט לעצטע יאר צו 19'טע יאר-הונדערט אפריקאנער-אמעריקאנער האדסאן וועלי געבוירענער, אבאלישאניסט און סאפראדזשיסט***

***ADA-קאמפלייענט טרעיל פראיעקט פארבעסערט פארבינדונג צום האדסאן ריווער***

גאווערנער האקול האט היינט געמאלדן דאס פארענדיגונג פון א פראיעקט צו בעסער פארבינדן מענטשן מיט די האדסאן ריווער ביי ניו יארק סטעיט'ס נייסטע סטעיט פארק - סאודזשורנער טראט סטעיט פארק אין אלסטער קאונטי. סיניק האדסאן, די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונגס און היסטארישע אפהיטונג, און די פאליסיידס אינטערסטעיט פארק קאמיסיע האבן זיך צאמגעפארט צו בויען די נייע איינריכטונגען ביי די פלאץ פון א געוועזענע בארדזש דאק. די וואסערפראנט פראיעקט צייגט אויף מעגליכע צוקונפטיגע פארבעסערונגען צו איבערמאכן די געוועזענע ביזנעס ארט צו א לעבעדיגע דרויסנדיגע פארוויילונג און קאמיוניטי פארזאמלונג ארט.

"עס איז א פארגעניגן צו זען די אנגייענדע טויש פון סאודזשורנער טראט סטעיט פארק צו א ווירבלדיגע דעסטינאציע אויף די האדסאן ריווער וואס וועט ציען באזוכער פון איבעראל מיטצוהאלטן עטוואס פון די בעסטע וואס קינגסטאן און די טאון פון אלסטער האבן פארצושלאגן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארבינדונג צום וואסערפראנט איז א ריזיגע שריט פאראויס פאר די פארק, און איך בין שטאלץ צו זען די נייע סטעיט פארק וואס פארעמט זיך און קוק פאראויס צו זען מער פארבעסערונגען אינעם צוקונפט."

די פראיעקט'ס הויכפונקט איז א 2,000 סקוועיר פיס קאמיוניטי פאוויליאן מיט א שאטן, א פלאזא-סארט פארזאמלונג ארט, איבערגעמאכטע פישינג פלאץ, בענק און פיקניק טישן. נייע איינגעפלאנצטע ביימער וואס זענען געווען דארט אריגינעל, שראבס און גראזן פארשענערן דעם פלאץ'ס אנגייענדע טויש פון איר היסטארישע פארגאנגענהייט אלץ א צענטער פון פראדוקציע פון שטיינער און צעמענט און שטעלט צו א נייע נאטורליכע האביטעט פאר די חיות. די וואסערפראנט פלאץ וועט אויך האבן צוויי-שפראכיגע איבערגעזעצטע טאוולען וועגן די טייך און די פלאץ'ס היסטאריע, ביציקל האלטערס, און בית הכסא איינרישונגען פאסיג לויט'ן סעזאן. א קליינע גראזיגע פלאץ מיט שטיינער וואס זענען געווארן אוועקגעלייגט דורכאויס דאס איבערבויען פראיעקט וועט צושטעלן מער אינפארמאלע זיץ פלעצער אויסקוקנדיג דעם האדסאן ריווער.

א נייע אויסגעפלאסטערטע, ADA-קאמפלייענט ריווער פאוויליאן טרעיל פירט פונעם האדסאן ריווער בריקיארד טרעיל/עמפייער סטעיט טרעיל צום וואסערפראנט, נעבן דעם פארק'ס צפון איינטריט. ניי פלאנצונגען שטעלן צו שטורעם-וואסער איינדרינגונג בענעפיטן און זאמלען איין די ניי געבויטע טיילן

אינעם לאנדשאפט. די טרעיל פארמאגט א קליינע אויסקוק פלאץ וואו באזוכער קענען זיך אפרוען בשעת'ן הנאה האבן פון הערליכע סצענעס, אריינגערעכנט דעם קינגסטאן ריינקליפ בריק צום צפון.

מער פארבעסערונגען דורכאויס דעם 500-אקער סאודזשורנער טראט ווערן יעצט אויסגעשטעלט און וועלט ווערן געבויעט ווי נאר פינאנצירונג ווערט גרייט. צוקונפטיגע מעגליכע פארבעסערונגען קענען אריינרעכענען נאך טרעילס, קאמיוניטי פארזאמלונג פלעצער ארום דעם וואסער און שטיינער מיול בארן, קאיאקינג און פישינג צוטריט, קאמיוניטי אווענט פלעצער, און איינריכטונגען צו אויסטייטשן דעם ארט'ס איניגיונעס לענעיפ היסטאריע, אינדוסטריאלע היסטאריע, געאלאגיע, און נאטורליכע סביבה.

**סטעיט פארקס קאמיסיאנער עריק קאלעסיעד האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר קוקן פאראויס צו אונזער נעקסטע יאר-הונדערט, איז סטעיט פארקס זייער צופרידן וועגן די צוקונפט פון סאודזשורנער טראט סטעיט פארק - א פלאץ וואס האט א ריזיגע געלעגנהייט צו פארמערן צוטריט צו דרויסנדיגע פארוויילונג, פארמירן קאמיוניטי פארבינדונגען און אויפנעמען נאטורליכע סביבות צוריק צו א געוועזענע אינדוסטריאלע פלאץ, אלעס בשעת'ן פייערן די היסטאריע פון ניו יארק'ס גרעסטער פירנדע היסטארישע פיגורן. מיר דאנקן גאווערנער האקול, סיניק האדסאן און PIPC פארן שטיצן די פראיעקט און קוקן פאראויס צו פארזעצן די גוטע ארבעט אינעם צוקונפט."

**סיניק האדסאן פרעזידענט נעד סאליוואן האט געזאגט,** "די איבערגעארבעטע וואסערפראנט ביי סאודזשורנער טראט סטעיט פארק איז א הערליכע פלאץ זיך אפצושטעלן, זיך אפרוען, און הנאה האבן פון די בילדער און קולות פון די וואסער פון נאנט, גלייך אראפ פונעם פאפולערע האדסאן ריווער בריקיארד טרעיל און עמפייער סטעיט טרעיל. אויסגעשטעלט נאכצוקומען די געברויכן אויסגעדריקט דורך די קאמיוניטי, טוט די נייע אקסעסיבל פלאץ עהרן סאודזשורנער טראט'ס היסטאריע וואס נעמט יעדעם אויף. דאס איז ערמעגליכט געווארן דורך די פירערשאפט און שטיצע פון גאווערנער קעטי האקול, OPRHP קאמיסיאנער עריק קאלעסיעד, פאליסיידס אינטערסטעיט פארק הויפט דירעקטאר יושע לעירד, און זייער געניטע שטאב, סיניק האדסאן שטאב און אונזערע ברייטהארציגע נדבנים."

**פאליסיידס אינטערסטעיט פארק קאמיסיע הויפט דירעקטאר יושע ליערד האט געזאגט,** "די פארבעסערונגען אונטערגענומען דורך סיניק האדסאן ביי סאודזשורנער טראט סטעיט פארק האט גלייך געשאפן א נייע דעסטינאציע פאר פובליק צוטריט צום האדסאן טייך וואו באזוכער קענען זיך אפרוען אינעם שאטן און אריינעמען די הערליכע סצענעס לענגאויס די עמפייער סטעיט טרעיל. דער קאמיסיע איז זייער דאנקבאר פאר סיניק האדסאן פאר איר הערליכע געשאנק צום פארק נאכפאלגנדיג איר וויכטיגע ארבעט צו ראטעווען די לאנד פון דעוועלאפמענט. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, טוט דער פובליק-פריוואטע שותפות צווישן PIPC, סטעיט פארקס, און סיניק האדסאן טוישן די פריערדיגע אינדוסטריאלע פלאץ צו א הערליכע פארק אין אנדענק צום לעגאסי פון א פירנדע ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר מיטשעל הינטשי האט געזאגט,** "סאודזשורנער טראט סטעיט פארק טוט טוישן אן ענווייראנמענטאלע יוסטיץ פלאץ און פריערדיגע אינדוסטריאלע פלאץ צו אן אפסטעיט לאנדמארק - א גרויסע דערגרייכונג וואס פארברייטערט צוטריט צו גרינע ערטער אין אונזער קאמיוניטי און שטעלט אויף נייע, אקסעסיבל פארבינדונגען צום האדסאן ריווער בשעת'ן עהרן די לעבן און לעגאסי פון א באקאנטע ניו יארקער. איך דאנק גאווערנער האקול, סטעיט פארקס, און סיניק האדסאן פאר זייער געטריישאפט צו פאראויס שטופן די פארשריט פון אלסטער קאונטי'ס ערשט-מאליגע סטעיט פארק, און איך קוק פאראויס צו זען די ווייטערדיגע פארשריט פון די הערליכע לאנד."

**אסעמבלי-מיטגליד סאראהאנא שריסטע האט געזאגט,** "דאס לעבן לענגאויס די האדסאן ריווער אינספירירט אן איינזייטיגקייט מיט נאטור פאר וועלכע מיר אלץ מענטשן שפירן אן אריגינעלע בענקעניש

צו, אבער פון וועלכע דער אלגעמיינער ניו יארקער ווערט אפט מאל אוועקגעריסן פון צוליב די געברויכן פון פשוט'ע לעבן. איך קוק פאראויס אז די סאודזשורנער טראט סטעיט פארק און אירע פארבעסערונגען זאלן צושטעלן א מאמענט פון אפרו פאר די אלע וואס דארפן עס."

**אלסטער קאונטי הויפט דזשען מעצגער האט געזאגט,** "די יעצטיגע פארענדיגטע וואסערפראנט טרעיל און פאוויליאן ביי סאודזשורנער טראט סטעיט פארק וועט בענעפיטירן אונזער קאמיוניטי פאר דורות, זיי צושטעלנדיג א רואיגע און איבערפרישנדע פארוויילונגס ארט לענגאויס דעם וואסערפראנט, מיט אויגפארכאפנדע סצענעס פונעם האדסאן ריווער. איך וויל אויסדריקן מיין טיפע אנערקענונג צו גאווערנער האקול, סיניק האדסאן, ניו יארק סטעיט פארקס, און די פאליסיידס אינטערסטעיט פארק קאמיסיע פארן ברענגען די פראיעקט צום פארווירקליכונג און שאפן אן אקסעסיבל און רואיגע ארט פאר אלסטער קאונטי איינוואוינער און באזוכער. איך מוטיג מענטשן צו באקוקן די נייע פארק און די נייע איינריכטונגען און הנאה האבן פון די נאטורליכע שיינקייט און היסטאריע פון די אייגנטארטיגע ארט אויף די ברעגעס פונעם האדסאן."

**קינגסטאן מעיאר סטיוו נאבל האט געזאגט,** "מיר זענען אזוי מזל'דיג צו האבן דעם סאודזשורנער טראט סטעיט פארק אין קינגסטאן און מיר זענען זייער צופרידן אז עס איז יעצט דא א פאוויליאן און נאך געלעגנהייטן פאר איינוואוינער און באזוכער הנאה צו האבן פון האדסאן ריווער און טרעילס אויסצופארשן דעם פארק. איך בין זייער צופרידן צו זען די נייע איינריכטונג, און פרייליך צו זען פארמערטע צוטריט צום וואסערפראנט. איך וויל באדאנקען סיניק האדסאן און ניו יארק סטעיט פארקס פאר אלע זייער שווערע ארבעט, און פאר די אויסערגעווענליכע אינוועסטירונג אין די קינגסטאן געגנט."

פאר די פערמיטן, אויסשטעל, שטודיעס און אויפבוי פונעם פאוויליאן און אנדערע נייע וואסערפראנט איירינכטונגען, האט סיניק האדסאן באקומען $3.8 מיליאן. די איינריכטונגען זענען אויסגעשטעלט געווארן דורך אלין שותפות, Ltd. די נייע $1.1 מיליאן טרעיל אפטיילונג און ריווער אויסקוק איז פינאנצירט געווארן דורך סטעיט פארקס און איז געווארן אויסגעשטעלט דורך MKW & Associates. אלע פארבעסערונגען זענען אויפגעבויט געווארן דורך בעיקער ברודערס קאנסטראקשען/קינגסטאן געצייג רענטעל פון וועסט הורלי, וועלכע זענען געווארן אויסגעוועלט געווארן דורך א קאמפעטעטיוו בידינג פראצעדור. בעיקער ברודערס איז אפעלירט מיט די אינטערנאציאנאלע יוניאן פון אפערעיטינג ענזשעניערס (IUOE) לאקאל 825 און די לעיבערער'ס לאקאלע 17.

אונטער אן אפמאך, ווערן סטעיט פארקס, סיניק האדסאן, און די פאליסיידס אינטערסטעיט פארק קאמיסיע ארבעטן צוזאמען אויף צוקונפטיגע פאזעס פון אנטוויקלונג ביי סאודזשורנער טראט סטעיט פארק. סיניק האדסאן, וועלכע האט אפגעהיטן די פארקלאנד אין 2019, פירט אן די פארק אונטער א פינף-יעריגע אפמאך אונטערגעשריבן אין 2021.

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג טוט אויפזען מער ווי 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונגס וועגלער, גאלף קורסן, שיף ארויספאר פונקטן, און נאך, וועלכע האט געזען א רעקארד 79.5 מיליאן באזוכן אין 2022. פאר מער אינפארמאציע אויף סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט [parks.ny.gov](parks.ny.gov) דאנלאודט דעם אומזיסטע [NY State Parks Explorer mobile app](NY State Parks Explorer mobile app) אדער רופט 518.474.0456. קומט אנטייל נעמען אין פייערן אונזער סענטעניאל דורכאויס 2024, און פארבינדט זיך מיט אונז אויף [Twitter](Twitter), [Instagram](Instagram), [Facebook](Facebook), און די [OPRHP Blog](OPRHP Blog).

דער PIPC, געפארעמט אין 1900, איז די לאנד'ס ערשטע צוויי-שטאטיגע שותפות געגרינדעט צו באשיצן און אפהיטן נאטורליכע לענדער. PIPC פירט אן [פאליסיידס אינטערסטעיט פארק אין ניו זשערסי](פאליסיידס אינטערסטעיט פארק אין ניו זשערסי) און די [פאליסיידס ראיאן](פאליסיידס ראיאן) פונעם [ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע](ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע)

[פרעסערוועישאן](#). די PIPC'ס פריע ארבעט האט געהאלפן אינספירירן די אויפשטייגנדע פעלדער פון ענווייראמענטאלע אחריות און חינוך, זי האט פיאנירט די ציהל פון באקענען קינדער מיט נאטור דורך אירע קעמפּינג שטחים פאר קינדער און זי האט געדינט אלץ מוסטער פאר די פריע וואוקס פון די נאציאנאלע פארק סיסטעם. די קאמיסיע'ס מעיפעל און אָוק בלעטלעך לאָגאָו שפיגלט אפ די אפיציעלע סטעיט בוימער פון ניו יארק און ניו דזשערסי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418